**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון קאנטראקטן צו ליפערן ריינע, באנייבארע עלעקטרישע קראפט צו ניו יארק סיטי**

***גרעסטע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן אין ניו יארק סטעיט אין די פארלאפענע 50 יאר***

***פראיעקטן וועלן ברענגען ביז 5.8 ביליאן דאלער אין בענעפיטן איבער'ן סטעיט ארייננגערעכנט שעדליכע גאז רעדוקציעס און לופט קוואליטעט פארבעסערונגען און רעדוצירן די שטאט'ס פאסיל-ברענשטאף עלעקטריציטעט אויפטרייבונג מיט איבער 50 פראצענט אין 2030***

***וועט שאפן 10,000 הויכע קוואליטעט דזשאבס און 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג לענגאויס דעם סטעיט ארייננגערעכנט אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן***

***פארשנעלערט פארשריטן צו ערגרייכן ניו יארק'ס ציל איינצושאפן 70 פראצענט פון דער סטעיט'ס עלעקטרישע ענערגיע פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 אויף א וועג צו א זערא-עמיסיע גריד***

גאווערנער קעטי האוקול, לכבוד דעם בעפארשטייענדן 'ערד וואך', האט היינט אויסגעמאלדן אז די סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע האט באשטעטיגט קאנטראקטן מיט 'קלין-פּעט ניו יארק על-על-סי' פאר איר 'קלין-פעט NY' פראיעקט און H.Q ענערגיע סערוויסעס אינק. פאר איר שאַמפלעין הודסאָן פּאַווער עקספרעס פראיעקט צו ליפערן ריינע, באנייבארע סאָלאַר, ווינט און הײדראָ-עלעקטרישע קראפט פון אַפּסטעיט ניו יארק און קאנאדע צו ניו יארק סיטי. 'ערד וואך', וואס לויפט היי-יאר פון אפריל 18 ביז 22, ווערט געפייערט מיט צוזאמקונפטן איבער דער וועלט צו שטיצן דער ענווייראָנמענט און צו הערכן באוואוסטזיניגקייט פאר ענווייראנמענטאלע באשיצונג און אויף אכט געבן אויף אונזער פלאנעט.

"ניו יארק פירט ווייטער דעם לאנד מיט המצאה'דיגע ריינע ענערגיע אונטערנעמונגען און איז א מוסטער פאר'ן דער וועלט וויאזוי זיך צו קעגנשטעלן די סכנות פון קלימאט ענדערונג, די קיום'דיגע דראונג פון אונזער תקופה," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דער היינטיגער באשלוס איז א גרויסע טריט פאראויס אין ערגרייכן ניו יארק סטעיט'ס ציל פון 70 פראצענט פון אונזער ענערגיע פון באנייבארע מיטלען, און גלייכצייטיג אויספלאסטערן דעם וועג פאר טויזנטער הויכע קוואליטעט דזשאָבס, טרייבנדיג ביליאנען אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, רעדוצירנדיג דערמיט אונזער אפהענגיגקייט אויף פאָסיל-ברענשטאף, און ארייננבאגלייטן א ריינערע, גרינערע ניו יארק פאר אונז אלע."

דער סטעיט'ס ערשט-פון-איר-סארטיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן זענען ערווארטעט צו ברענגען ביז 5.8 ביליאן דאלער אין אלגעמיינע געזעלשאפטליכע בענעפיטן איבער'ן סטעיט, ארייננגענומען גרינהויז גאז רעדוקציעס און לופט קוואליטעט פארבעסערונגען, און 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג לענגאויס דעם סטעיט, ארייננגערעכנט אינוועסטירונגען אין

קאמיוניטיס מיט שוואכערע מעגליכקייטן. נאך מער, ווען די פראיעקטן ווערן געבויט ווערן זיי העלפן באשיצן קעגן אומסטאבילע פאָסיל-ברענשטאף פרייז וואקלדיגקייט און דערמיט סטאביליזירן לאנג-טערמיניגע ענערגיע אויסגאבן.

אלס די גרעסטע טראנסמיסיע פראיעקטן קאנטראקטירט פאר ניו יארק סטעיט איבער די פארלאפענע 50 יאר, וועלן די פראיעקטן רעדוצירן דער שטאט אפהענגיגקייט אויף פאָסיל-ברענשטאף-געטריבענע ענערגיע קראפט מיט איבער 50 פראצענט אין 2030. די היינטיגע אויסמעלדונג פארשנעלערט פארשריטן צו איבערשטייגן ניו יארק סטעיט׳ס ציל פאר 70 פראצענט פון דער סטעיט׳ס עלעקטריציטעט צו קומען פון באנייבארע קוועלער ביז 2030 אויפ׳ן וועג צו א זעראָ-עמיסיע גריד ביז 2040, ווי אויסגעלייגט אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט.

דער היינטיגער באשלוס איז אונטערגעהויבן געווארן דורך דער שטאט ניו יארק׳ס באשטעטיגונג אז עס וועט זיך אנשליסן מיט די היסטארישע אויסטיילונגען דורך צושטימען אפצוקויפן א טייל פון די באנייבארע אייגנשאפטן אויפגעטריבן דורך די צווייַ פראיעקטן, דערבײַ ערמעגליכן דעם גרויסן פארנעם פון די פראיעקטן און גלייכצייטיג שאפן די געלעגנהייט צו רעדוצירן די קאסטן פון די פראיעקטן אויף ביז 1.7 ביליאן דאלער פאר ראטע-באצאלער. דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר גענעראלע סערוויסעס האט אויף פארשפראכן צו שליסן א קאנטראקט מיט דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (NYSERDA) פאר ׳טיער 4׳ REC׳ס פארבינדן מיט די ענערגיע גענוצט דורך סטעיט אגענטורן און דעפארטמענטס וועלכע געפונען זיך אין דער שטאט. NYSERDA וועט אויך אנבאטן באנייבארע אייגנשאפטן פון די פראיעקטן פאר פרייוויליג איינקויפן, צו ענדליך ערמעגליכן פאר די פילע ניו יארק סיטי ארגאניזאציעס פאראינטערעסירט אין איבערטוישן אויף ריינע ענערגיע אבער וואס האבן דאס נישט געקענט טון אויפ׳ן פלאץ צוליב פראקטישע מניעות, צו קענען גיין הונדערט פראצענט באנייבאר מיט קאנפידענץ. די רעגירונג פארשפרעכונגען און פאראויסגעזעענע פאטענציעל פאר נאך פריוואטע סעקטאר איינקויפונגען זענען ערווארטעט צו באדייטנדע רעדוצירן די סטעיט-ברייטע יוטיליטי ראטע-צאלער אימפאקט פון איינפירן דעם CLCPA און ׳טיער 4׳ פראגראם.

די PSC׳ס אקטאבער 2020 באפעל האט איינגעפירט א ׳טיער 4׳ פראגראם אלס טייל פונ׳ם PSC׳ס ריינע ענערגיע סטאנדארט מיט׳ן צוועק פון העכערן דאס אריינדרינגען באנייבארווארג אין ניו יארק סיטי, און אנגעוויזן פאר NYSERDA דורכצופירן א ׳טיער 4׳ פארבעטונג. אין יאנואר 2021, האט NYSERDA ארויסגעגעבן א ׳טיער 4׳ באנייבארע ענערגיע פארשלאג-פארבעטונג וועלכע זוכט פראיעקטן וועלכע קענען אויף א פאראנטווארטליכן און קאסט-גינציגן אופן צו ליפערן באנייבארע ענערגיע צו ניו יארק סיטי, א טייל פונ׳ם סטעיט וואס איז אנגעוויזן אויף פארעלטערטע פאָסיל-ברענשטאף-אויפגעטריבענע ענערגיע קראפט. די אויסדערוועהלטע פראיעקטן זענען ערווארטעט צו ברענגען 18 מיליאן מעגעוואַט-שעה׳ן פון ריינע ענערגיע א יאר, אדער איבער א דריטל פון ניו יארק סיטי׳ס יערליכע עלעקטרישע באניץ, פון א פארשידנמיניגע און ווידערשטאנד-פעאיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג פארטפעל, אריינגערעכנט פון-יבשה׳דיגע ווינט, סאָלאַר און הייִדראָ-עלעקטרישע קראפט, געשטיצט דורך ענערגיע סטאָרעדזש, פון אָפּסטעיט ניו יארק און קוועבעק. דאס פאראייניגן די פראיעקטן מיט די עקזיסטירנדע קאנטראקטירטע פארטפעל פון ים-ווינט פראיעקטן וועלכע זענען דירעקט באהאפטן צו ניו יארק סיטי, מישט איבער דאס בלעטל אויף דער שטאט׳ס ענערגיע היסטאריע, העכערט ווידערשטאנד-פעאיגקייט און פארלעסליכקייט און טוט גלייכצייטיג מערקווירדיג פארבעסערן לופט קוואליטעט.

מיט דאס באשטעטיגן די קאנטראקטן, וועלן זיך אנהייבן די NYSERDA באצאלונגען פאר יעדן פראיעקט באזונדער, נאכדעם וואס דער פראיעקט וועט האבן איינגעשאפן אלע געפאדערטע פערמיטס און באוויליגונגען, האט געענדיגט קאנסטרוקציע, און ליפערט ענערגיע קראפט צו ניו יארק סיטי, וועלכע איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן אין 2025 פאר די פולקאם-ערלויבטע CHPE פראיעקט און 2027 פאר׳ן CPNY פראיעקט.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״דאס איז היסטארישע גרייכפונקט אין אונזער מאביליזאציע קעגן קלימאט ענדערונג און דעם קאמף פאר ענווייראנמענטאלע יוסטיץ. היינט הייבן מיר אן צו צונעמען די פאנאנדערגעשפרייטע צוטריט צו באנייבארע ענערגיע וועלכס פלאגט שוין אונזער שטאט שוין צו לאנג, איבערהויפט די קאמיוניטיס וועלכע געפונען זיך אינ׳ם שאטן פון געוויסע פון די עלטסטע, מערסט פארפעסטנדע עלעקטרישע קראפט פאבריקן אינ׳ם סטעיט. נישט איינס נאר צוויי טראנסמיסיע ליניע וועלן געבויט ווערן צו ברענגען ריינע, באנייבארע ענערגיע פון צפון אריין אין ניו יארק סיטי — און אויפטו וואס איז נישט באוויזן געווארן אויף אזא גרויסן פארנעם שוין צענדליגע יארן. איך שטאלציר מיך מיט דער שטאט׳ס פארשפרעכונג צו קויפן 100 פראצענט פון איר עלעקטרישע געברויכן פון די ליניעס, וואס וועט משפיע זיין אויף אנדערע צו טון דאס זעלבע. איך וויל אפלאדירן די קאמיסיע, NYSERDA, און גאווערנער האוקול פאר׳ן נעמען דעם דרייסטע שריט, און איך קוק ארויס אויף די אנגייענדע צוזאמארבעט מיט׳ן גאווערנער צו לייזן דעם פראבלעם פון קלימאט ענדערונג.״

**ראָרי עם. קריסטיען, פארזיצער פון דעם PSC, האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול׳ס קלימאט און ענערגיע פירערשאפט שטעלט צו די ריכטיגע וויזיע אין וועלכע ניו יארק נייטיגט זיך אויף צו שאפן א יושר׳דיגע, ריינע, שטאנדהאפטיגע און צוגענגליכע ענערגיע סיסטעם. דער גרונטליכער, אמביציעזער פלאן ליפערט אויף די צילן און וועט ערמעגליכן פאר אלע סארטן באנייבארע ענערגיע אנצוקומען צו אלע ניו יארקער. דער היינטיגער שריט שטעלט די 2030 קלימאט און ענערגיע צילן גאר צום דערגרייכן, און טוט גלייכצייטיג אוועקשטעלן א יסוד צו עררייכן אונזערע 2040 און 2050 צילן, וואס רעכנט אריין זעראָ עמיסיעס פון דעם עלעקטרישן סעקטאר ביז 2040.״

**דאָריען עם. האריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA האט געזאגט,** ״דער היינטיגער היסטארישער באשלוס דורך דער פובליק סערוויס קאמיסיע ענדערט אינגאנצן די אומשטענדן פאר ניו יארק׳ס טראנזיציע אוועק פון פאָסיל-ברענשטאף און העלפן פארזיכערן אז ניו יארק סיטי, דער לאנד׳ס מערסט-באוואוינטע שטאט, וועט באקרעפטיגט ווערן דורך ריינע און פארלעסליכע באנייבארע ענערגיע. די טראנספארמירנדע פראיעקטן וועלן אויספלאסטערן דעם וועג פאר ריינערע לופט און א געזונטערע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער, איבערהויפט אין קאמיוניטיס אומפראפארציאנעל באלעסטיגט מיט לופט פארפעסטונג, און וועט סטימולירן אונזער סטעיט-ברייטע עקאנאמיע מיט אן אינוועסטירונג פון 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג און שאפן טויזנטער הויכע קוואליטעט דזשאָבס. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער ביי ׳קלין-פעט NY׳ און ׳היידראָ קוועבעק׳ צו ליפערן די קריטיש-וויכטיגע בענעפיטן פאר פאמיליעס און ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט.״

אלס א שטאנדטייל פון די היסטארישע געשעפטן, וועט ׳הייַדראָ-קוועבעק׳ איינקויפן עלעקטריציטעט פון די פלאנירטע ׳אפוויאט׳ ווינט-פאַרם, אנטוויקלט דורך די אינו קאמיוניטיס אין קוועבּעק, ווי אויך זיך אנשליסן אין א שותפות מיט די מאָוהאָוק קאונסיל פון ׳קאהנאוואַ:קע׳ פאר געמיינזאמע באזיצונג פון די ליניע אין קוועבעק וואס וועט זיין באהאפטן צו דעם ׳שאַמפלעין הודסאָן פּאַווער עקספרעס׳.

NYSERDA׳ס ערפאלגרייכע איינשאפונג האט רעזולטירט אין דאס אויסטיילן פראיעקטן וועלכע ברענגען די העכסטע און בעסטע ווערד צו ניו יארק, אריינגערעכנט הייבן די אינטערעסן פון קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן, צו פארזיכערן אז עקאנאמישע בענעפיטן וועלן זיך זאמלען לטובת דעם סטעיט, און שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. הויפט בענעפיטן פון די פראיעקטן נעמען אריין:

**באשיצן ניו יארק פאמיליעס:** די פראיעקטן וועלן ברענגען ביז 2.8 ביליאן דאלער אין פובליק געזונטהייט בענעפיטן אלס רעזולטאט פון רעדוצירן אויסגעשטעלטקייט צו שעדליכע פארפעסטונגען — אריינגערעכנט פארמיטענע פריצייטיגע טויטפעלער, רעדוצירטע אסטהמא-פארבינדענע שפיטאל באזוכן, און פארלוירענע ארבעטס-טעג צוליב קראנקהייט.

**מאסיווע עקאנאמישע טרייבער און דזשאב שאפונג:** די פראיעקטן וועלן שאפן אומגעפער 10,000 פאמיליע אויסהאלטעוודיגע דזשאָבס איבער׳ן סטעיט מיט 8.2 ביליאן דאלער אין עקאנאמישע אנטוויקלונג אינוועסטירונגען, העלפנדיג דערמיט צו פארשנעלערן די סטעיט׳ס עקאנאמישע ערהוילונג פון קאוויד-19. די פראיעקט אנטוויקלער האבן אויך פארשפראכן צו אנגענומענע וועידזש און פראיעקט לעיבאר אפמאכן צו פארזיכערן הויכע-קוואליטעט, גוט באצאלטע דזשאבס פאר ניו יארקער.

**דעוועלאפער-פארשפראכענע אינוועסטירונגען אין אומגינציגע קאמיוניטיס:** די צוויי פראיעקטן האבן פארשפראכן צו אינוועסטירן א סך הכל פון 460 מיליאן דאלער אין קאמיוניטי בענעפיט געלטער צו שאפן מהלכים צו גרינע ענערגיע דזשאָבס,שטיצן פובליק געזונטהייט, ערמעגליכן קאפיטאל פארבעסערונג פראיעקטן, פארווירקליכן באשעפעניש-וואוין-ערטער אויפריכטונג און פארבעסערן די ענווייראנמענטאלע השפעה פון געביידעס אין קאמיוניטיס מיט שוואכערע הילפס-מיטלען.

**ענווייראנמענטאלע באשיצונג:** אינאיינעם זענען די פראיעקטן ערווארטעט צו רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 77 מיליאן מעטריק טאן איבער די קומענדע 15 יאר, דאס גלייכן פון אראפנעמען איין מיליאן קארס פונ׳ם ראוד אין דעם צייט אפשניט.

**קאסט גינציג:** די צוויי ׳טיער 4׳ באוויליגטע קאנטראקטן אינאיינעם וועלן ברענגען באדייטנדע געזעלשאפטליכע טובות אויף ביז 5.8 ביליאן דאלער. די קאנטראקטן אנטהאלטן אן אינדעקס REC סטרוקטור צו העלפן באשיצן קאסטומערס קעגן פלוצימדיגע אויפשטייגן אין ענערגיע פרייזן כדי אז ווען עלעקטריציטעט פרייזן הייבן זיך וועלן די ׳טיער 4׳ פראגראם קאסטן פאלן. דער דורכשניטליכער גאנץ-סטעיט׳יגע ביל השפעה פאר דעם געוועגטליכן איינוואוינער וועט זיין אומגעפער 3 פראצענט, אדער 3 דאלער פער חודש פון ווען אן די פראיעקטן וועלן אריינגיין אין אפעראציע.

אין צוגאב וועלן די נייע אונטערערדישע טראנסמיסיע ליניעס פארמיידן, פארקלענערן און לינדערן ענווייראנמענטאלע שאדנס אריינגערעכנט די ווירקונגען אויף סענסיטיווע זאגלען און באשעפעניש וואוין-ערטער און זיין ווידערשטאנד-פעאיג קעגן עקסטרעמע וועטער.ביידע פראיעקטן זענען פארלאנגט אדורכצוגיין דעם PSC׳ס ארטיקל זיבן פערמיט פראצעס, וועלכס נעמט אריין א פולקאמער איבערזיכט אויף די נויטיגקייט פון דעם פראיעקט און סיי וועלכע ענווייראנמענטאלע ווירקונגען פון דאס פלאצירן, אויספלאנירן, בויען און אפעראציע פון גרויסע טראנסמיסיע איינריכטונגען אין ניו יארק סטעיט. CHPE האט באקומען איר ׳ארטיקל זיבן׳ פערמיט, און CPNY וועט אנהייבן דעם פראצעס.

די CPNY און CHPE פראיעקטן וועלן צוגעבן צו ניו יארק׳ס עקזיסטירנדע שטאנדהאפטיגע פייפליין פון גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע, וואס באשטייט פון באלד 100 סאָלאַר, יבשה און ים-באזירטע ווינט פראיעקטן אין סך הכל פון 11,000 מעגעוואַטס פון ריינע ענערגיע קראפט — גענוג צו באקרעפטיגן איבער פינף מיליאן ניו יארק וואוינונגען ווען פארענדיגט.

דער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט ארויסצובויען נייע ריינע ענערגיע טראנסמיסיע, אנגעהויבן מיט 250 מייל נייע גרויסע אָפּגרעידס שוין אונטערוועגנס לענגאויס דעם סטעיט און פארשטערקערט דורך דער אויסטיילונג, וועט ערמעגליכן פאר׳ן איצטיגן פייפליין פון באנייבארע ענערגיע צו באקרעפטיגן איבער 60 פראצענט פון ניו יארק׳ס עלעקטריציטעט דורך באנייבארע ענערגיע נאכ׳ן אנהייבן די אפעראציעס.

**לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע

ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן ארייינשטעלן אין געזעץ דעם CLCPA האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו ערגרייכן איר געפאדערטן ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטרישע סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט באנייבארע ענערגיע ביז 2030, און צו ערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 33 ביליאן דאלער אין 102 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז׳ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990 שטאפלען ביז 2050, און גלייכצייטיג פארזיכערן אז ווייניגסטנס 35 פראצענט, און מיט׳ן ציל פון 40 פראצענט, פון די טובות פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן, און פאראויס-פירן פארשריטן צו דעם סטעיט׳ס 2025 ענערגיע-שפארזאמקייט ציל צו רעדוצירן אויפ׳ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן